# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



שלח
תשפ"ג לפ"ק
גליון קכ"ד

## פראגע

**זאלן עלטערן קריטיקירן זייערע קינדער אדער זיי קאמפלימענטירן? אדער ביידע?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז ביידע; אודאי! עלטערן דארפן זיין ברייטהארציג מיט זייערע לויב-ווערטער ווען זייערע קינדער פירן זיך אויף גוט. נישט נאר עלטערן; שכנים אויך. יעדער איינער זאל איסלויבן מענטשן ווען זיי פירן זיך אויף גוט. און זיי נישט קארג. מענטשן האבן ליב צו ווערן געלויבט און ס'איז גורם אז זיי זאלן שטרעבן צו ווערן נאך בעסער.

פון דעסט וועגן, עלטערן מוזן אויך כסדר קריטיקירן זייערע קינדער. אודאי, אמאליגע צייטן איז געווען מעגליך צו געבן מער קריטיק. היינט דארף מען עס אביסל **באצוקערן**. אבער סיי-וויאזוי, דארף מען זיי כסדר זאגן וואס איז ריכטיג צו טון. קיינער ווייסט נישט פון זיך אליינס וואס ס'איז ריכטיג.

אפילו ערוואקסענע אזוי ווי אונז מוזן כסדר געזאגט ווערן. ווייל מיר פאלן אלץ צוריק. מיר דארפן האבן איינער וואס זאל אונז דערמאנען. און אויב טראכט איר אז איר קענט קיינמאל נישט צוהערן צו קריטיק, דארפט איר וויסן אז איר ווערט אנגערופן א לץ: **"לא יאהב לץ הוכח לו"** – א לץ האט נישט ליב קיין קריטיק, **"אל חכם לא ילך"** – וועגן דעם וויל ער נישט גיין צו קיין חכם. ער שטייט ווייט.

מענטשן וואס קומען אהער איינמאל און זיי הערן זאכן וואס זיי גלייכן נישט, און זיי קומען מער נישט צוריק, איז א סימן אז זיי ווילן זיך נישט פארבעסערן. זיי ווילן נאר אז מענטשן זאלן זיי לעקן און זאגן, "יא. דו ביזט וואויל. דו ביזט זייער גוט." און אזוי גייען זיי אוועק פונקט אזוי שלעכט ווי זיי זענען געווען.

אבער ווען מען קומט מיט די אמביציע צו שטייגן, ווארטסטו צו הערן עפעס וואס קען דיר געבן א רמז וועגן עפעס וואס דו דארפסט וויסן, און דו ביזט זייער גליקליך צו ווערן קריטיקירט.

איז עלטערן זאלן כסדר לויבן און כסדר קריטיקירן קינדער. זיכער וועגדט זיך עס אינעם קינד און עס וועגדט זיך אינעם מצב. אבער סיי-וויאזוי דארפן עלטערן זען אז זייערע קינדער זאלן באקומען א שטופ זיך צו פארבעסערן. (#881)

## פראגע

**פארוואס איז אונטן פונעם אויער ווייעך?**

## ענטפער:

כאטש איך בין נישט קיין עקספערט, אבער איין גוטע סיבה קען איך געבן אויפ'ן פלאץ. דער אויער איז דער אבר וואו קול קומט אריין, און ווען א קול קלאפט זיך אן אינעם אויער וויברירט עס; אונטן וואו עס איז ווייעך וויברירט עס נישט. די חלק פונעם אויער וואס האט קארטילעדזש, הויט און ביינער שאקלט זיך, אבער אונטן איז גארנישט דא חוץ פלייש און עס שאקלט זיך נישט; עס זאפט איין די קול. דאס מאכט אז די קול וואס קומט אריין אינעם אויער זאל זיך הערן **קלאר** – עס שטעלט אפ די וויבראציעס. פשוט שכל.

אבער די גמרא זאגט עפעס אנדערש. פארוואס איז די "אליה" ווייעך? "שאם ישמע דבר שאינו הגון" – אויב מען הערט עפעס וואס איז נישט ווערד צו הערן... אסאך מאל הערט מען פלוצלונג עפעס. איך בין אמאל געזיצן אויף א באנק, און הינטער מיר איז געזעסן א יונגער מענטש מיט אן אלטער מענטש, דער עלטערער מענטש האט דערציילט זיינע **איבערלעבענישן**. ס'איז געווען שרעקליך! איך האב מיר אויפגעשטעלט און אוועקגעוואקט. ס'איז געווען שרעקליך, ער

האט מטמא געווען מיין מח.

אבער לאמיר זאגן דו קענסט נישט אוועקגיין פאר עפעס א סיבה? דו זיצט אויף אן עראפלאן, און הינטער דיר זאגט איינער ווערטער וואס דו טארסט נישט הערן. דו קענסט נישט אראפגיין פונעם עראפלאן! דעמאלטס נעמסטו דעם פעטן חלק פון דיין אויער און דו שטיפסט עס אריין אזוי אינעם אויער, און די פארשטאפסט דיין אויער. אה, דאס איז באקוועם! דאס איז וואס די גמרא זאגט, דאס איז דער צוועק פון עס, צו קענען צומאכן דיין אויער.

דאס איז דער צוועק? מיר ווייסן וואס דער צוועק איז. עס פעלט אויס צו העלפן הערן גוט, אז נישט וואלט די אויער זיך געשאקלט. אבער די חכמים זאגן, ניין, פארגעס דערפון. עס איז אמת טאקע, אבער עס איז דא נאך א העכער צוועק, א פיל וויכטיגערע צוועק ווי סתם מ'זאל קענען הערן גוט. דער צוועק איז אז דו זאלסט נישט פארדארבן דיין נשמה דורכ'ן הערן זאכן וואס דו דארפסט נישט הערן. עס איז זייער וויכטיג! איך האב אמאל געווארט אין א געשעפט וואו מ'פארערכט שיך, אגאנצן טאג איז זיין ראדיאו געגאנגען. ס'איז געווען שרעקליך. אגאנצן טאג איז די ראדיאו געגאנגען מיט אלע סארט פון שטותים, רשעות! זיין מח איז פול מיט מיסט. עס איז זייער וויכטיג זיך צו שיצן.

איר ווייסט, ווען זיי קומען ברענגען געלט מיט א ברינקס טראק, טאנצט ארויס א מענטש מיט א גאן, און דער אנדערער מענטש שלעפט ארויס די בעגס פון געלט, און זיי קוקן זיך ארום אויף אלע זייטן. ס'איז נאר געלט... וואס איז געלט? אבער ניין, מען דארף זיין אפגעהיטן, מען דארף אבאכט געבן מען זאל עס נישט גנב'ענען. **די אויער דארף מען אפהיטן אסאך מער!** מען וואלט געדארפט האבן שומרים מיט א גאן פארנט פון די אויער, כדי מען זאל נישט הערן שלעכטע זאכן. וואס גייט אריין אין דיין אויער איז ערגער פון ווערן בארויבט פון געלט, ס'איז אויף **אייביג!**

דער כוזרי זאגט אז יעדע זאך וואס גייט אריין אין אויער, גייט מיט מיט דיר צו עולם הבא, דו נעמסט מיט אלע שטותים מיט דיר. אויב דו האסט געהערט נידריגע ניגונים ווען דו ביזט געווען א יונגער בחור, גייט די שטותים אריין אין דיין נשמה און דו נעמסט עס מיט אין עולם הבא! במילא דארפסטו האבן א "גארד" מיט א גאן פארנט פון דיינע אויערן. און דעריבער האט אונזער דער אויבערשטער דארט אראפגעשטעלט א שומר.

איז מיר וועלן יעצט איבער'חזר'ן דעם יסוד. טראצדעם וואס די ווייכע חלק אויפ'ן אויער איז וויכטיג אין די מעכאניזם פון ערהאלטן קול-כוואליעס אן קיין שאקלעניש, און עס איז זייער וויכטיג, אבער וואס איז נאך מער וויכטיג איז די רוחניות'דיגע סיבה פון איר פונקציע! די רוחניות'דיגע תועלת. צו ראטעווען דעם מח פון ווערן רואינירט דורך וואס עס קומט אריין.

## פראגע

## וואס טוט זיך וועגן גיין אויף א טריפ אלס א בארואיגונג?

## ענטפער:

עס ווענד זיך וואס דו מיינסט מיט 'א טריפ'. אויב דו ווילסט נעמען א טריפ אראפ אושען פארקוועי', איך בין אינגאנצן דערפאר! ס'איז פרישע לופט און ס'איז איבונגען; דו פאטשקעסט נישט קיין געלט. א טריפ ערגעץ מיט א קאר – אין א פליגער אדער סיי-וואס – איז נישט דערפרישנד.

יעצט איז דא אמאל א מענטש וואס איז אזוי צעמישט אין זיין מח, אז מען דארף טון **סיי-וואס** ארויסצונעמען זיין מח פון זיינע פראבלעמען, דאן זאג איך גארנישט דערוועגן. אבער געוויינליכע מענטשן דארפן נישט גיין אויף טריפס פאר בארואיגונג. רייזעס מאכן דיר נאר מער אויסגעמוטשעט, און מען באקומט נישט די פארלאנגטע איבונגען און פרישע לופט וואס העלפט א מענטש צוריקקומען צום נארמאל, און דערפאר איז עס 100% אויסגעווארפן געלט.

אויב דו קענסט, כאפ א שפאציר ארום די גאסן פון די שטאט, בייטאג – נישט ביינאכט. גיין עטליכע מייל און צוריקקומען, און עסן א גוטע מאלצייט און גיין שלאפן – אויב עס פעלט אויס גיי נאכאמאל פאר א שפאציר, אויב דו ביזט אזוי ערנסט, אבער ארומרייזן איז נישט קיין ענטפער פאר די פראבלעם פון זיך אויסרוען.

מענטשן פארן אהין-און-צוריק, גייען קיין ארץ ישראל און פלארידע און צומאל אויך צו דער שווייץ, און אלעס וואס זיי טוען איז זיי געבן אויס געלט, און ווערן מער און מער אויסגעמוטשעט ווען זיי קומען צוריק.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב